# פרשת לך-לך

## בס"ד. התוועדות י"א ניסן תשמ"א

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

### א.

בשעת מען זעט אין דער וועלט, כמדובר כמ"פ, אז אין דעם "שאקלען" גופא, גייט דאס אין אן אופן פון היפך פון "להעלות", נאר אדרבה – הולך ומתדרדר, און "מצפון תפתח הרעה" – וואס מ'דארף ניט האבן קיינע ביאורים בזה –

האט דער אויבערשטער אויפגעשטעלט א מדינה אז זי זאל קענען דאס אפהאלטן,

וואס צוליב דערויף דארף מען האבן דעם "כמאן דבעי למיעבד", ובפרט בנוגע צו דער מדינה, וואס דער אויבערשטער האט איר אוועקגעשטעלט אין א מעמד ומצב, אז זי קען אפשטעלן די התפשטות פון כפירה, פארבונדן מיט די התפשטות פון שלום אמיתי בעולם, וכיוצא-בזה,

און די התפשטות – והוא העיקר, אז מענטשן, און אידן במיוחד – זאלן דינען דעם אויבערשטן מתוך מנוחת הנפש ומנוחת הגוף, ובשלימותה.

וואס דאס איז דאך פארבונדן דערמיט וואס זי נוצט אויס די מדינה כל האפשרויות שלה וכל הכחות, אין אן אופן פון "כמאן דבעי למיעבד" אויף דינען. ניט איינשליסן זיך און זאגן "אני את נפשי הצלתי".

וואס דאס איז אויך פארבונדן דערמיט וואס מ'נוצט אויס די כוחות וואס מ'האט במדינה בשלימותה.

וואס בכלל איז דאס א מדינה וואס "אשר לא תחסר כל בה", ניט ח"ו אויף אזויפיל ווי אין ארץ-הקודש וואס אויף דערויף איז געזאגט געווארן דער פסוק,

בשעת אבער רוב פון אידן געפינען זיך במדינה אחת, איז אט דעמאלט ווערט דאס א מדינה, בדוגמא ווי ס'איז געווען ווען אידן האבן זיך געפונען אין מצרים, ועד"ז בכל המדינות שלאח"ז איז געווארן די מדינה פון "רודה" בכל העולם כולו, מושל בכל העולם כולו, "בכיפה".

ווען מ'נוצט אויס די כחות וואס מ'האט אין דעם.

בשעת אבער מ'דארף אנקומען צו א צווייטער מדינה אדער צו צווייטע מדינות, ווער רעדט נאך – אנקומען אין א דבר חשוב, איז אט דעמאלט נעמט דאס צו פון דעם כח און פון דער השפעה, וואס די מדינה קען האבן.

וואס דאס איז פארבונדן במיוחד און האט א קשר צו "הרואה חמה בתקופתה",

בשעת די מדינה דארף אנקומען צו אויל, וכיו"ב, אט דעמאלט מוז זי פאלגן אנדערע, און פאלגן אין אזעלכע ענינים וואס זיי זיינען היפך הצדק והיושר והטוב,

ביז וואנעט – אויף אנרירן "נחלת עולם" וואס איז געגעבן געווארן "לעם עולם", און געגעבן געווארן מיט א "ברית עולם",

ובדרך ממילא איז דאס אויך מזיק דעם טוב גשמי, אפילו דעם טוב חומרי פון דער מדינה עצמה.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת לך-לך

וואסביידע זאכן קענען דאך ניט זיין –

דער אויבערשטער האט איינגעשטעלט די וועלט אין אזא אופן, אז פון "שש מאות שנה", ווי ער זאגט אין זהר, איז דעמאלט געווארן א ריבוי חכמה בעולם, האט דאס אויך געבראכט צו ריבוי אויך אין חכמות חיצוניות, להבדיל.

האט דאס געבראכט צו פארשידענע אנטוויקלונגען און ענדעקונגען, וואס זיי זיינען פארבונדן אז מ'מוז האבן א זאך, וואס דאס זאל לאזן ארבעטן די ענדעקונגען מיט די אנטוויקלונגען ווי זיי דארפן ארבעטן.

וואס דאס איז פארבונדן מיט א חומר גשמי, וואס דער חומר גשמי, לכאורה, געפינט זיך במדינות אחרות.

איז דאך ביידע זאכן: וויבאלד אז די מדינה האט אט דעם תפקיד אויף ברייינגען שלום אמיתי בעולם, און ניט אנרירן דעם צדק ויושר, אויך דעם צדק אז "נחלת עולם" געהערט צו "עם עולם", דורך דעם "ברית עולם" פון "אלקי עולם" –

מוז מען דאך זאגן אז אין דעם מעמד ומצב – פעלט דארט די עשיית האדם, ווארום ס'קען ניט זיין אז א מדינה וואס דארף דאס טאן, זאל זיין א עבד, און מוזן פאלגן, אן עם שפל, דערפאר וואס דארטן בארצו – געפינט זיך אט דעם און דער ענין!

זעט מען בעיני בשר – און מ'דארף אויף דערויף ניט האבן קיינע הוכחות – אז ווען די מדינה וואלט אנטוויקלט אט די זעלבע ענינים וואס זי האט בארצה ובקרקעיתה ובאדמתה, וואלט מען שוין לאנג ניט געדארפט אנקומען צו מדינות אחרות.

וכידוע און מבואר, און מ'האט שוין געשריבן וועגן דעם און געטומלט וועגן דעם, אז ווען מ'זאל פאנאנדערארבעטן, די מעגליכקייטן וואס ס'איז דא אויף צו באקומען אויל אדער "קאָל" – קוילן, וכיו"ב – במדינה זו, וואלט מען שוין לאנג לאנג ניט געדארפט אנקומען צו מדינות אחרות, ואדרבה – זי האט עס אין אזא מין שופי, אז מ'זאל נאך קענען דערמיט משפיע זיין צו אנדערע מדינות, פונקט ווי מ'גיט פון אנדערע ענינים – איז מען א משפיע, ניט קיין מקבל!

מיוסד אז ניט ח"ו מצד "כחי ועוצם ידי", און כדי להרבות הכבוד המדומה, און די ענינים של מה-בכך, נאר דאס איז מיוסד אז דאס איז געגעבן געווארן דורך דעם אויבערשטן באדמתה של מדינה זו, און געגעבן געווארן כדי די מדינה זו זאל קענען פארשפרייטן די ציוויים וואס שטייען בתורה, די שבע מצוות בני נח, מיט אלע זייערע סעיפים, און סניפים און פרטים – בכל העולם כולו!



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.